Der Bayis
NY Real Estate & Home Economy
info@derbayis.com
WED. NOV. 29, '17 - VOL. 2 NO. 43
A MAZAL MEDIA PUBLICATION

בס"ד
# דער בית
ד' וישלח תשע"ח ארגאן פון ניו יארק ריעל עסטעיט און היים עקאנאמיע

| 30-15 YrFxMtg | 30-10 YrBnd | DJIA | Nasdaq | SP500 | Gold | Silver | Oil | New Mortgages | USA Permits | CPI (Oct.) |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 3.89% 3.29% | 2.74% 2.31% | 24,038 | 6,778 | 2,619 | $1,289 | $16.53 | $58.43 (PPB) | -3.1% (week of Nov. 24) | 1.22m (A. Oct.) | 0.1% |

## ערנסטע שטייערן

גייענדיג צום דרוק איז נאך זייער אומקלאר וואס וועט זיך אויסלאזן מיט די רעפובליקאנער שטייער רעפארם פלענער אין וואשינגטאן. איין זאך איז קלאר, אז פון אלע גראנדיעזע רעפובליקאנער פלענער זינט פרעזידענט טראמפ'ס ערוויילונג - האט דאס די בעסטע שאנסן צו ווערן באשטעטיגט.

אבער בעיקר, די קליינע ציפערן: וויפיל פראפערטי שטייערן, מארטגעדזש אינטערעסט און אינשורענס, וועט מען יא אדער נישט קענען "דידאקטן," און וואס איז מיט טשיילד טעקס קרעדיט, דזשאב קרעדיט, און סטאנדארט דידאקשענס? ימים ידברו.

*

באקומט "דער בית" signup@derbayis.com

# אראנדזש, ראקלענד, האוזינג

## נייע "דער בית" ציפערן - מ'דארף נאך א פערטל מיליאן

אפשאצונג אז צו אדרעסירן די האוזינג געברויך אין געגנט פון ניו יארק סובארבס, דארף מען האבן נאך א פערטל מיליאן רעזידענשאל יוניטס אין ראקלענד, אראנדזש, וועסטשעסטער, לאנג איילאנד, צפון ניו דזשערסי, און מערב קאנעטיקוט.

די "רידזשענעל פלען אסאסעישאן" באטאנט, אינעם 40-זייטיגן אפשאצונג, אז אין אסאך לאקאלע געגנטער זענען דא שטרענגע זאונינג פארשריפטן וואס האלטן צוריק פון בויען די נויטיגע האוזינג אינווענטארי.

ספעציעל איז דאס א פראבלעם, זאגט די גרופע, ווען מ'קען בויען אסאך רעזידענשאל יוניטס נאנט צו פארקינג לאטס, טראנספארטאציע סיסטעמען, אא"וו, אז די איינוואוינער זאלן קענען האבן גרינגע צוטריט צו פארן אין ארבייט. אבער אנשטאט ערלויבן א ברייטע אנטוויקלונג פון דירות אין אזעלכע געגנטער, מיט אלע פאזיטיווע עקאנאמישע רעזולטאטן דערפון, זענען דא

פאָרזעצונג אויף זייט 8


עפארדעבל אין קרית יואל ראיאן: א הויז צום פארקויפן אין די "העלף האלאו" געגנט

**האדסאן וועלי. די אומאויפהערליכע האוזינג מארקעט קע"ה אין קרית יואל ראיאן ברענגט אריין נייע ריעל עסטעיט ציפערן וואס כאפן די אינדוסטריע אין פאזיטיווע איבערראשונג.**

אבער עס איז נאך ווייט פון גענוג; א בארימטע ניו יארק האוזינג פאראיין איז ארויסגעקומען מיט א נייע

## אינהאלט

ליינערס שרייבן 2
קאומא'ס עקזיט 131 3
גאווערנאר "עד דעי"? 5
סאנסעט פארק, ברוקלין 6
קורצע טאבלעטן 10
ריעל עסטעיט אין ציפערן 11




# היסטארישע OJBA עקספאו

## לעבעדיגע ערשט-האנטיגע דעקונג אויף זייטן 14-19

| אויסלענדישע וואלוטע ראטעס - פון היינט | | | |
|---|---|---|---|
| לאנד | וואלוטע | וויפיל יענע וואלוטע פאר 1 דאלאר | וויפיל דאלאר פאר 1 פון יענע וואלוטע |
| קאנאדא | דאלאר | 1.26 | 0.78 |
| יאפאן | יען | 111 | 0.009 |
| אייראפע | יורא | 0.84 | 1.18 |
| רוסלאנד | רובל | 58.33 | 0.02 |
| שווייץ | פראנק | 0.98 | 1.01 |
| ענגלאנד | פונט | 0.75 | 1.33 |
| מדינת ישראל | שקל | 3.51 | 0.28 |

# ליינערס שרייבן

## לענדלארדס קענען שוין נישט שפילן מיט ריטעיל

(116)

**לכבוד "דער בית,"**

מיטהאלטנדיג א שותפות וואס אנטהאלט אויך ריטעיל רענטלס, איז וויכטיג צו זאגן וואס אין די "ליין" הייבט מען אן צו אנערקענען, אז ס'איז א "בייער'ס מארקעט" ביי קאמערשאל ריעל עסטעיט, נישט נאר ביי סעילס, נאר אויך ביי רענטלס, און לענדלארדס קענען שוין נישט שפילן ווי אמאל.

און נישט אלעס איז געלט. לענדלארדס דארפן קענען אפשאצן וועלכע טענענטס זענען מער ווערד ווי געלט. א קוואליטי לאקאל וואו קאסטומערס גלייכן צו גיין איז מער ווערד פאר'ן לענדלארד ווי די געצאלטע רענט, ווייל אז מענטשן גלייכן דעם פלאץ וועט מען גיין אויך צו די אנדערע לאקאלן ארום אינעם זעלבן פלאץ. אין אנדערע ווערטער, יעדע ריטעיל ביזנעס איז א וועלט פאר זיך, אבער אויב איין סטאר איז באמת א גוטע פלאץ איינצוקויפן, קען עס העלפן אויפטרייבן טראפיק ביי ארומיגע געשעפטן, און איך קען זאגן פון ערפארונג אז לענדלארדס דארפן זיך מער רעכענען מיט דעם.

( - )

## טראמפ'ס טריליאן...???

(117)

**לכבוד "דער בית,"**

איר שרייבט אז נאך יאנואר וועט פרעזידענט טראמפ מעלדן מער איינצלהייטן אויף א גרויסארטיגע "1 טריליאן דאלארדיגע אינפראסטרוקטור" פלאן, אבער לדעתי איז דער גאנצער פלאן נישט ערנסט.

ער האט קאמפיינט אויף די טעמע, יא, אבער זעהנדיג וויאזוי ער גרייט זיך אזוי צו שעדיגן די עקאנאמישע שטארקייט פון קויפן אייגענע הייזער - דורך זיינע שטייער רעפארם פלענער, בשעת ער האט טשעמפיאנירט זיין קאמפיין לטובת האוזינג און ריעל עסטעיט - האלט איך אז ער וועט אויך נישט נעמען צו ערנסט זיין פארשפרעכונג צו אינוועסטירן מער אין אינפראסטרוקטור פראיעקטן. הלואי זאל איך זיין נישט גערעכט.

( - )

## טעקסעס יא, איידעהאו נישט

(118)

**לכבוד "דער בית,"**

די באשרייבונג אויף די שטארקע ריעל עסטעיט אין יוסטאן, טעקסעס, ווערט למעשה באשטעטיגט דורך די אקטיווע שריט פון "ברוקפיעלד," און מ'קען זיך לערנען פון די קאמפאני וואו צו איינשטעקן גרויסע געלטער.

אבער אויף איידעהאו וואלט איך נישט גענומען קיין ריזיקע ווילאנג מ'זעהט נאך נישט גרויסע פירמעס נעמען אקטיווע שריט אין די סטעיט. סאוט דעקאוטע יוכיח אז ס'לוינט נישט צו שפרינגען אין סטעיטס וואס האבן נישט קיין רייכע ריעל עסטעיט היסטאריע.


Cap Seven USA

Don't worry about finding cap-rates above the usual noise.

We'll find you only 7% and above. In NY/NJ or beyond.

Cap Seven USA

|t: 845-827-6690 |e: capsevenusa@gmail.com

*Royal service. Strictly confidential. Flex terms.*

# ווי'ס און געל דענען די יעצטיגע ליניעס פונעם 32-17-טראוועי-נינינדזשער




בס"ד

## קאומא'ס נייע מעכטיגע פלאן ביים 17-32-131-סטעיט-פאליס-ראוד

א.

1 יענקל קומט ארויס פון טראוועי קיין ק"י, ביי די נייע גראדע רעמפ. ביי 2 קען ער מער נישט גיין גראד, נאר רעכטס אדער לינקס, אן קיין רויט לייט בכלל. ער גייט גראד רעכטס, ביז 3, ביי א דעזיגנירטע ליניע צו לינקס, און ביי 4 איז ער אויפ'ן וועג קיין קרית יואל. [אגב, ארויסקומענדיג ביים עק פון די סטעיט פאליס ראוד, וועט מען מער נישט קענען מאכן קיין לינקס אויפ'ן 32.]

ב.

5 משה פארט פון קרית יואל צום שאפינג מאלל, אבער אנשטאט צו גיין ביז'ן עק ראוד ווי היינט, גייט ער גראד צום נייעם טונעל אונטער'ן 32, ביי נומ. 6, ער קומט ארויס ביי 7, ביי 8 מאכט ער א לינקס צו 9 די נייע עקזיט-רעמפ פון די מאלל, און ער ווייסט ניטאמאל וואס הייסט די רוט 32.

ג.

10 יצחק פארט פון קרית יואל קיין ברוקלין, ער פארט געהעריג ביז'ן עק ראוד ביי 11, ער מאכט א רעכטס אויפ'ן 32, פארט אריבער די אווערפעס, און ביי 12 מאכט ער א לינקס אריין צום טראוועי - אבער באמערקט זייער וויכטיג: אז די טרעפיק אויפ'ן אווערפעס גייט פארקערט, נוסח לאנדאן - דאס הייסט די "דיימאנד" אויסשטעל פון א קליינע טרעפיק "סוויטש" פון רעכטס-צו-לינקס, אז ביידע זייטן טראפיק זאלן קענען מאכן א לינקס ממש צו די האנט, נישט דארפן אריבערהאקן קעגן-איבערדיגע טרעפיק - אין אונזער פאל קען יצחק מאכן א געהעריגע "רעכטס" צום 17 ביי נומ. 14, אבער נאכדעם קומט די "סוויטש" אויפ'ן אווערפעס, אז נאכדעם ביי 12 איז די לינקס אסאך גרינגער.

ד.

מרדכי ביי 13 קומט פון מאנסי דורכ'ן אלטן 17, אדער דורך די פאליסעידס-6, ער פארט גראד, ער קען מאכן א שנעלע רעכטס צום טראוועי ביי 12, אדער פארט ער ווייטער צום אווערפעס "סוויטש" (די גרינע ליין גייט לינקס), און אזוי קען ער מאכן א גרינגע לינקס ביי 14 צום 17, אדער פארן ווייטער (און צוריק-סוויטשן צו געהעריגע טרעפיק) ביז נומ. 15 און דארט מאכן די געהעריגע לינקס צום סטעיט פאליס ראוד און ווייטער ביז קרית יואל

ה.

איינער קומט ארויס פון די נייע עקזיט ביים שאפינג מאלל, 16, איז שוין דא ווייניגער טראפיק ווייל מ'דארף נישט ארומפארן די גאנצע מאלל ביז די הויפט עקזיט. ער מאכט א רעכטס ביי 16, און ער קען גיין ווייטער גראד ווייטער אינעם טונעל ביי נומ. 17 אונטער די 32 און ארויסקומען אויפ'ן סטעיט פאליס ראוד, אן קיין טראפיק אדער רויט לייט בכלל, אדער קען ער מאכן א רעכטס ביי 18 צו גיין קיין וואודבערי, ביי 19, אבער דארט קען מען נישט פארן גראד צום סטעיט פאליס ראוד, און מ'קען אויך נישט גיין לינקס, נאר ווייטער רעכטס קיין וואודבערי. די עיקר אויפטו דא איז, 1) מ'קען גיין צווישן די מאלל און די סטעיט פאליס ראוד אן דורכגיין די 32 טרעפיק, און 2) מ'קען פארן אסאך גרינגער אן קיין טראפיק לייטס ווייל מ'גייט נישט אדורך קעגן די שטראם אין ערגעץ, אויסער ביי די "סוויטש."

ו.

ביי 20 קומט איינער ארויס פון 17 עקזיט 131, און ער וויל גיין קיין וואודבערי, וועט ער קענען מאכן גלייך א רעכטס אבער אויך א לינקס אויפ'ן 32 אן קיין טראפיק לייט, טאקע וועגן די "סוויטש" וואס ברענגט די טראפיק אויף אזא וועג אז ער קען זיך געבן א שמוגל אריין צו לינקס "אן ארייניהאקן אין פארקערטע טרעפיק" (די גרין-אראנדזש סוויטש איז נישט געווג פונקטליך דא, ווייל באמת קומט עס ווייטער צו רעכטס פון די עקזיט רעמפ)

גאווערנאר קאומא זאגט אז די אלע קאמפליצירטע טוישונגען צוזאמען וועלן רעדוצירן לאקאלע טראפיק מיט פופציג פראצענט. אפילו ס'זאל נאר זיין פופציג פראצענט ריכטיג איז שוין עפעס.


בס"ד
באשליסט:
פריוואט אבער ווייט
אדער
צענטער און נענטער
נייע דעוועלאפמענט
אין צענטער פון קרית יואל
Blooming Grove
Call us for the best selection
Woodbury Villas
Many private houses still available
Half Hollow
Right next to Larkin Dr.
Many options available
Many more options available!
Call us in today for the best selection!
דירות מעקלערײַ
פארדינגען
קרית יואל
פארקויפן
אייער פריינד, יוסף מענדל הײלברוין
845.781.7811
Magic Design 845.492.9644

# גאווערנאר "עד דעי"? געוואנדן אין "פרעזידענט קאומא"

איז מעגליך אז ראקלענד קאונטי עקזעקיוטיוו עד דעי זאל לויפן פאר גאווערנאר פון ניו יארק סטעיט?

יא, זייער מעגליך, לויט סיגנאלן פון צענטראלע קאונטי קארידארן אין ניו סיטי.

אבער ס'איז נאך א פראגע פון צייט, און איז היבש געוואנדן אין די פלענער פונעם אמטירנדער גאווערנאר ענדרו קאומא.

דעי, וועלכער האט נארוואס געווינען א גאר שווערע פארמעסט פאר ווידערוויילונג, מאכט נישט קיין סוד פון נוצן זיין געווינס אלס א טרעפל אויפ'ן לייטער צו שטייגן ביז'ן הויפט פאזיציע אין אלבאני הבירה.

דער קאונטי עקזעקיוטיוו פאררופט זיך אויף א 4 יאר קאדענץ פון "ארויסשלעפן ראקלענד קאונטי פון באנקראט," זאגנדיג אז "אסאך מענטשן ווילן זעהן די זעלבע זאך אין ניו יארק סטעיט." אבער ער זאגט אז "איך האב א דזשאב צו ענדיגן דא אין ראקלענד, און כאטש איך וואלט באטראכט די עהרע ערגעץ ביי א ווייטארדיגע פונקט..." וויל ער נישט "פארראטן" די וואס האבן אים "ווידערוויילט צו ענדיגן די ארבייט."

אלזא, מאמענטאל זאגט דעי, אפיציעל, אז ער וויל ענדיגן די נייע טערמין פון 4 יאר.

אבער עס איז מעגליך א טויש אין פלאן, אויב גאווערנאר קאומא זעלבסט לויפט קעגן פרעזידענט טראמפ. ס'איז א שוואכער סוד אז דער גאווערנאר האט ערנסטע פלענער צו לויפן פאר פרעזידענט, טאקע באזירט אויף זיינע גרויסע אינפראסטרוקטור פראיעקטן ווי די נייע קאומא בריק, די $8 ביליאן רענאוואציעס ביי קענעדי און לאגווארדיע לופטפעלדער, די נייע גראנדיעזע פלענער ביים טרואוועי-17 טרעף פונקט נעבן קרית יואל, און נאך אסאך. אנאליסטן אין מאנסי זאגן אז אויב קאומא לויפט קעגן טראמפ אין 20' איז זייער א שטארקע שאנס אז דעי לויפט אים צו ערזעצן.

אגב, פאריגע וואך האט דעי'ס זון אפיציעל געווינען די טאון סופערווייזער פארמעסט אין ארענדזשטאון, מיט 165 שטימען. ווייל יעדע, שטימע, ציילט. ■



ראקלענד קאונטי עקזעקיוטיוו געביידע אין ניו סיטי:
וויל עד דעי טאקע דאס איינטוישן פאר אלבאני?





W Financial is a Manhattan-based commercial real estate bridge lender specializing in time-sensitive, mission-critical loans. When circumstances are unusual or time is short, we provide rapid, reliable access to the capital you need to get your deal *done*.

**w-financial.com | 212.684.2283**

W | FINANCIAL

# ריעל עסטעיט אין בילדער – בלומינגבורג, ניו יארק



ולערב עירובו לכבוד שב"ק



א תלמוד תורה כיתה אויף א באזוך ביי די "הצלה"

# נייע אויפמערקזאמקייט פאר סאנסעט פארק, ברוקלין

ברוקלין ריעל עסטעיט האט גענומען א נייע ווענדונג אין די געגנט פון סאנסעט פארק, צווישן בארא פארק און בעי רידזש, אויסרופנדיג פרישע אויפמערקזאמקייט ספעציעל ביי די לאקאלע אזיאנער אמעריקאנער געמיינדע.

די מערסטע אויפמערזאמקייט גייט צום "8'טע עוועניו צענטער" א ריזיגע קאמפלעקס פון ארום 250 רעזידענשאל יוניטס, מיט איבער א צענדליג ריטעיל לאקאלן און נאך פילע איינריכטונגען פאר אזא קאמערשאל ריעל עסטעיט אונטערנעמונג.

די באריכטן ווערן מערסטנס אויפגענומען ביי די אזיאנער געמיינדע אין דעם ראיאן, און מעיאר דיבלאזיא האט לעצטנס געמאלדן א נייע באזונדערע פראיעקט געצילט פאר די אזיאנער באפעלקערונג, אלס א צייכן פון א באגריסונג פאר זייער וואוקס אין די געגנט.

דעם מעיאר'ס פראיעקט איז געפלאנט ביים ווינקל פון 8'טע עוועניו און די 60'סטע סטריט, וואס איז אייגנטליך די לאקאלע ראיאן וואו עס הייבט זיך אן די חסידישע געגנט פון בארא פארק.

אבער די כינעזער קומען אריין מער און מער, ביז לאקאלע באאמטע רופן שוין די געגנט "די ברוקלין טשיינע-טאון." לויט א לאקאלע כינעזער גרופע האבן יענע בלאקן די מערסטע וואוקס פון די כינעזער געמיינדע איבער גאנץ ניו יארק סיטי.

שטאטישע באאמטע ווילן נישט אדרעסירן די אזיאנער וואוקס אין די געגנט מיט'ן נייעם שטאטישן פראיעקט, נאר אויך ברענגען טוריסטן פון אומעטום.

אבער צוריק צו די געפלאנטע קאמערשל ריעל עסטעיט קאמפלעקס, דארף עס נאך דורכגיין א טויש אין זאונינג. דער פלאץ האט יעצט א "מעניופעקטשורינג" זאון, און עס דארף נאך געטוישט ווערן צו רעזידענשאל בעפאר דער פראיעקט קען גיין ווייטער.

סאנסעט פארק איז ווייט נישט די איינציגסטע געגנט אין יענע טייל ברוקלין וואס ווערט געטוישט אין האוזינג סעקטאר. נישט ווייט דערנעבן רעדט מען פון גרויסע נייע דעוועלאפמענטס ביי די רעד-הוק טערמינאלן און ביי די גאוואנעס וואסערל, צוויי געגנטער וואס זענען אדורך און אדורך אינדוסטריעל אבער אויפ'ן וועג צו דראמאטישע נייע ריעל עסטעיט פלענער פון רעזידענשאל, קאמערשאל, און ריטעיל. ■






עס איז א

# קלוגע שריט

צו געבן פאר די
קינדערלעך פלאץ
אינדערהיים צו שפילן

BLOOMINGBURG

APPRECIATE. THE DIFFERENCE.

For information & inquiries 845.733.4200

DART MEDIA 845.782.6558

# אראנדזש, ראקלענד, האוזינג

## נייע "דער בית" ציפערן - מ'דארף נאך א פערטל מיליאן

פאָרזעצונג פון זייט 1

אזויפיל מוניציפאלע רעגירונגען וואס ערלויבן נאר גאר ווייניג הייזער אויף די דאזיגע שטחים.

די ערשטע לאקאלע באאמטע צו אדאפטירן די גרופע'ס שטעלונג, זענען באאמטע אין וועסטשעסטער, וואו מעיארן פון ניו ראושעל, אסינינג, טעריטאון און ווייט פלעינס, האבן זאפארט געזאגט אז זיי גייען ערנסט באטראכטן די מעגליכקייטן פון גרויסע "מולטי-פעמילי" פראיעקטן אין אזעלכע שטחים.

מער צפון, אין אראנדזש קאונטי, ווערט געפלאנט א 1,500-יוניט "טרענזיט" רעזידענשאל פראיעקט, נעבן די רעילראוד סטאנציע פון הערימען, פאר עקזיט 16 ביים טרואווע, גענוי ווי עס ווערט פארגעשלאגן אין די דערמאנטע אפשאצונג, אבער דערווייל הערט מען נאך נישט פון די לאקאלע באאמטע עפעס דערוועגן.

אויך אין מאנסי ווערט געפלאנט א גרויסע 500-600-יוניט פראיעקט ביים אלטן גרויסן פארקינג לאט אויפ'ן רוט 59, אין די זעלבע צייט וואס די רוט ווערט באטראכט פאר מאסיווע רענאוואציעס צו פארבעסערן טראנספארטאציע, וואס שטימט אויך מיט די גרופע'ס פארשלאגן צו 1) נוצן אלטע פארקינג לאטס פאר גרויסע רעזידענשאל פראיעקטן און 2) ארבייטן אויף בעסערע און/אדער נענטערע טראנספארטאציע פאר די איינוואוינער.

א צענטראלע שטעלונג פון די "אסאסיעשאן," צו אדרעסירן די פארלאנג אויף האוזינג אין "האדסאן וועלי ראיאן" מיט נאך הונדערטער טויזנטער יוניטס, גיט א ריכטיגע אפקלאנג אויף די שוין-יעצטיגע האוזינג מארקעט אין קרית יואל און מאנסי ראיאנען. יעדן טאג קומען אויפ'ן מארקעט נייע הייזער, און עווענטועל נייע פראיעקטן פון הונדערטער און הונדערטער יוניטס בס"ד, און די פארלאנג איז ווייטער אין פולן שוואונג.

למעשה איז די אינווענטארי אין מאנסי ראיאן גאר ענג. א גרונטליכע באריכט אויפ'ן דריטן קווארטאל '17 למספרם, פון יולי ביז סעפטעמבער, ווייזט אז סעילס פון פריוואטע הייזער אין ראקלענד קאונטי איז געפאלן כמעט זיבן פראצענט, און די מיטלגארטיגע פרייז איז ארויף איבער 3 פראצענט.

די צאל קלאוזינגס אין ראקלענד איז ארויף אין 3'טן קווארטאל קעגן די 2'טע קווארטאל, אבער איז געפאלן קעגן די 3'טע קווארטאל א יאר פריער, די צייט אויפ'ן מארקעט האט געטראסקעט, און די "עפארדעביליטי אינדעקס" איז אויך געפאלן. אלע סיגנאלן צייגן אויף א שטארקע ענגשאפט אינעם מארקעט, וואס מאכט נאך מער וואגיג דער באריכט פון די "אסאסיעישאן" אז מען דארף האבן צענדליגער און גאר הונדערטער טויזנטער נאך דירות אינעם גאנצן ראיאן.

אין אראנדזש קאונטי, וואס נעמט אריין קרית יואל ראיאן, שפילט זיך אפ ענליכע סענטימענטן - אבער ווייט נישט אזוי געפערליך.

די אינווענטארי איז אראפ אין אראנדזש קאונטי, און די פרייזן זענען אביסל ארויף, אבער די צאל "קלאוזינגס" זענען שטארק ארויף, סיי קעגן חדשים צוריק און סיי קעגן די זעלבע צייט א יאר פריער.

אין צענטער פון קרית יואל קומען צוביסלעך אויף נייע פראיעקטן, אבער אין די זעלבע צייט קומען טעגליך אויפ'ן מארקעט נאך און נאך הייזער אין אזעלכע קווארטאלן ווי העלף האלאו, בלומינג גראוו, לעיק שאור - וואס גייט גאר שטארק, ספעציעל ארום די קליינע וואסערל אין צענטער - ווי אויך ווייטער אין ריכטונג פון טשעסטער, אדער די רידזש געגנט נענטער צו וואודבערי.

פארלעסליכע ציפערן וואס "דער בית" קען יעצט פארעפנטליכן צייגן ספעציפיש, אז "קאנדא" סעילס אין אראנדזש קאונטי איז אין דריטן קווארטאל געשטיגן מיט איבער 17 פראצענט קעגן די פריערדיגע 3 מאנאטן, איבער דאפלט ווי די וואוקס אין פריוואטע הויז סעילס, וואס איז געשטיגן מיט איבער 7 פראצענט.

אבער אין אלע קאטעגאריעס האוזינג קען מען שווער נאכקומען דעם פארלאנג; די צייט פון הייזער אויפ'ן מארקעט איז געפאלן מיט איבער 16%. ■



עפארדעבל אין קרית יואל ראיאן:
א הויז צום פארקויפן אין טשעסטער
(קרעדיט: עקזיט ריעלטי ווענטשור)



9,000 ס"פ פאלאץ אין מאנסי פאר $2.3 מיליאן
(קרעדיט: פלעטינום ריעלטי)




עס איז אבער
אסאך
קלוגער
צו האבן א פלעי-רום און
א גרויסע הויף פאר די
קינדערלעך צו שפילן
BLOOMINGBURG
APPRECIATE. THE DIFFERENCE.
For information & inquiries 845.733.4200

# קורצע טאבלעטן

די גרויסע פלענער ביים "דיים סעווינגס באנק" אין וויליאמסבורג זענען געקומען אן ערנסטע טריט נענטער די וואך. לויט די ארכיטעקט פירמע, וועט די געביידע באשטיין פון 22 שטאקן, און אנטהאלטן ארום 350 טויזנט סק. פוס, איינגעטיילט אין ארום 170 רענטל יוניטס, 100 טויזנט סק. פוס אפיסעס, ארום 40 טויזנט סק. פוס ריטעיל, און 340 פארקינג פלעצער.

די ארגינעלע געביידע פון "דיים סעווינגס" באנק איז א לענדמארק און בלייבט אזוי ווי היינט.

■

דיטרויט'ס אויפגעלעבטע ריעל עסטעיט מארקעט קוקט ארויס אויף די אנהויב ארבייט פונעם ריזיגן 800-פוסיגן רעזידענשאל טורעם, אבער נאכ'ן אינוועס-טירן 5 יאר ביז אהער איז דער פלאן יעצט אפגעלייגט מיט נאך אפאר וואכן, זאגן לאקאלע באריכטן.

■

ארכיטעקט סאפטוועיר פירמע "אויטא-דעסק" זאגט אפ טויזנטער ארבייטער און טוישט די סאפטוועיר סיסטעם פון איינמאליגע סעילס צו מאנאטליכע אדער יערליכע "סובסקריבשאנס" - אזוי ווי מייקראסאפט, עדאובי, און הונדערטער אנדערע טוען שוין היינט.

אבער ס'איז נישט צו "עפארדעבל." די קאמפאני'ס "קעד" פראגראם קאסט $300 א יאר, און "רעוויט" קאסט $2,200 א יאר.

■

"פעני מעי" מארטגעדזש אגענטור האט נארוואס באריכטעט די ציפערן פון אקטאבער, האבנדיג א סך הכל לאון פארטפעל פון 3.1 טריליאן דאלאר.

פון דעם איז צוגעקומען אין אקטאבער $47 ביליאן, און פון יאנואר ביז אקטאבער $468 ביליאן.

■

א קאמערשל ריעל עסטעיט אנאליסטן פירמע אין אירווין, קאליפארניע, איז ארויסגעקומען מיט א געניאלע געדאנק אנצופילן די פלאץ פון נאציאנאלע ריטעיל געשעפטן וואס גייען באנקראט: בויען דארט "סיניאר האוזינג" אפארטמענטס.

די אנאליסטן שרייבן, אז רוב שאפינג צענטערן זענען אין גוטע פארנומענע פלעצער, נאר די צוזאמשטעל פון גרויסע "ביג באקס" ריטעילערס צו יענע געגנט האט נישט געארבייט, אבער מ'קען נוצן די שטחים פאר סיניאר האוזינג - וואס וועט זיין גאר באקוועם פאר עלטערע מענטשן אז זיי האבן אלע נויטיגע געברויכן און געשעפטן נאנט צו די האנט.

■

א מאמענטום באראמעטער פון נאציאנאלע ריעל עסטעיט גרופעס איז געשטיגן דעם מאנאט מיט 3 פראצענט פונקט העכער א מאנאט פריער, ווען דאן איז עס אויך ארויף מיט 4 פראצענט פון פריער.

די פאזיטיווע מאמענטום ביי ריעל עסטעיט קומט מערסטנס צוליב די גוטע מארקעט אין פילע געגנטער, און די נייע מעגליכקייטן פון שטייער רעפארם אין די קומענדיגע וואכן, זאגן באריכטן. ■

UPSTATE EXPRESS
BUSINESS TO BUSINESS


888.320.9920 • 7823857@gmail.com

Colonial
Property Management
We Care:
About You | Your Investment | Your Peace of Mind
Tel: 845-367-4240

בית השטרות
בהנהלת הרה"ג אשר חיים ווייזער שליט"א
ראב"ד ביד"צ דבר המשפט ומו"ץ בקהל יטב לב דסאטמאר ב.פ.
מיוחד לסדר כל מיני שטרות בין אדם לחבירו ובין איש לאשתו
וגם לסדר ולפשר לבעלי דינים בסכסוכים עצהיו"ט
718.437.8779 - 845.537.0052

# ריעל עסטעיט אין ציפערן

## Vital Market Research & Housing Information

*brought to you by*

DH HOUSING SOLUTIONS

### $40 מיליאן
וועט "דזשי. עם. די. סי." אויסגעבן אפצוקויפן און איבערבויען א ריזיגע אלטע פעקטארי אויף 94-15 100 סט. אין אזאון פארק, קווינס, פאר 25 קליינע מעניופעקטשורערס

### 3% ארויף
אפטימיסטישע מאמענטום ביי נאציאנאלע ריעל עסטעיט גרופע איפ'ן ריעל עסטעיט מארקעט צושטאנד דעם מאנאט

### 30 טויזנט דאלאר
האט דאטשעס קאונטי יעצט באשטימט פאר א "מארקעטינג קאמפיין" צו ברענגען מער ריעל עסטעיט דעוועלאפמענטס אין פעקיפסי

### 2 ראקלענד פאליטיקאנטן
קארלוטשי און זעבראוסקי, ווילן גאוו. קאומא זאל אונטערשרייבן זייער "קאוד אינפארסמענט" ביל צו ווערן שטרענגער קעגן "בילדינג קאוד" באאמטע וואס זענען נישט גענוג שטרענג

### 0.6% ארויף
רעזידענשאל קלאוזינגס אין די בראנקס, אין 3'טן קווארטאל '17 למספרם, קעגן די 2'טע קווארטאל, אבער סך הכל בלויז ארום 120 שטיק

### $130,000
מיטלגארטיגע סעיל פרייז פון פריוואטע הייזער אין סאליוואן קאונטי, ארויף 1.5% אין דריי מאנאטן און איבער 7% אין א יאר, וואס האט רעדוצירט די לאקאלע "עפארדעביליטי ראטע" מיט 4%

### איבער 400 קאנדאס
פארקויפט אין ראקלענד קאונטי פון יאנואר ביז סעפט., ארויף איבער 20% אין א יאר

### 6.2% ארויף
נייע פריוואטע היים סעילס אין גאנץ אמעריקע אין אקטאבער, אנקומענדיג צו א סך הכל יערליכע ראטע פון איבער 680 טויזנט יוניטס

### איבער 111,000 יוניטס
געקלאוזט אין גאנץ ניו יארק סטעיט, פון יאנואר ביז אקט., ארויף 2.5 פראצענט פון א יאר פריער - פון דעם איז אקטאבער געווען א רעקארד איבער 12,000, ארויף איבער 6% פון פאריגן אקטאבער

### 12% אראפ
"עפארדעבל ראטע" פון האוזינג מארקעט אין ניו יארק סטעיט, קעגן די זעלבע צייט א יאר פריער, אויך איז אראפ די אינווענטאר, און די צייט פון הייזער איפ'ן מארקעט

### 6 מאנאטן
איז די מינימום צייט וואס מ'דארף געבן צו קענען אפשאצן די ריכטונג פון ריעל עסטעיט פרייזן, איבערהיפנדיג די שנעלע טוישן פון וואך צו וואך, לויט באאמטע ביים פעדעראלן האוזינג דעפט. אין וואשינגטאן

### 250,000 יוניטס מינימום
דארף מען בויען אין די געגנט פון האדסאן וועלי, צפון ניו דזשערסי און מערב קאנעטיקוט, צו אדרעסירן דעם ערווארטעטן האוזינג געברויך

### 6 מאנאטן נאכאנאנד
וואס די היים-אייגענטום ראטע ביי מענטשן אונטער 35 יאר וואקסט אומגעראכטן, קעגן די מיינונג אז יונגערע זוכן נישט צו קויפן

### 3.80%
30 יאר מארטגעדזש ראטע היינט אין נ. י. סטעיט

### 4.1% ארבייטס קראפט
האבן נישט קיין דזשאבס, אבער די "פעדעראל רעזערוו" באטראכט דאס אלס "פול עמפלאימענט" און וויל הייבן פראצענט ראטעס דערוועגן אין דעצ.

### $100 ביליאן
דארפן עירפארטס אין אמעריקע אינוועסטירן אין אינפראסטרוקטור און בילדינג מעינטענענס אין בלויז 5 יאר צו קענען אנגיין ווייטער: באריכט

### ארום 340 קאנדאס
זענען געקלאוזט געווארן אין אראנדזש קאונטי, פון יאנ. ביז סעפט. אין 17', ארויף איבער 19% העכער יארגאנג 16' למספרם

### אין 2 מאנאטן
וועלן באאמטע אין טייל געגנטער פון קווינס און בראנקס אנהויבן פארסירן נייע "סיס-דעסיסט" פארשריפטן קעגן ריעל עסטעיט אגענטן

### $40 ביליאן יערליך
צאלט ניו יארק סטעיט פאר וואשינגטאן מער ווי די סטעיט קריגט צוריק - די הויפט טענה פון גאוו. קאומא און אנדערע סטעיט דעמאקראטן קעגן די רעפובליקאנער פלאן צו רעדוצירן די פראפערטי שטייער דידאקשאן

### ביז 1 וואך
לויפט אפ די פעדעראלע "פארפלייצונג אינשורענס" פראגראם, און עס איז נאך אלץ נישט קלאר צו קאנגרעס און סענאט וועלן ביז דעמאלט האבן דורכגעפירט א פאראייניגטע ביל צו דאס צו באנייען

### 36 וואלט קארדלעס
טולס ווערן ביליגער, צייגן אינדוסטריע באריכטן, מיט מער סופלייס דערפון דורך מער קאמפאניס

# דער בית.

דער ארגאן פון ניו יארק ריעל עסטעיט און היים עקאנאמיע

## כאן יבנה בס"ד

## "דער בית"

בויט
בנינים
ברענדס
באנוסעס
בהרחבה

ads@derbayis.com
845-827-5330




בס"ד

# דער בית.

ארגאן פון ניו יארק/דזשערסי ריעל עסטעיט און היים עקאנאמיע




## Der Bayis

NY/NJ Real Estate & Home Economy

WEEKLY ONLINE EDITION

derbayis.com ads@derbayis.com 845-827-5330





# VINEYARD

## Top Floor in Bldg. 3

2,400 sq. ft. - great ammenities - bright & airy - storage room - brand-new development - in heart of KJ
Must be ready to close in coming weeks

**HFA / 845-781-2410 / info@hfarealty.com**

HFA REALTY GROUP

# היסטארישע OJBA עקספאו: ערשטהאנטיג

## פון לאמבער ביז פלאמבער, דעוועלאפער ביז אינוועסטער, א מעמד קידוש השם

**איין גרויסע לעבעדיגע העפטיגע רוישיגע הילכיגע "קאנסטראקשאן סייט" פון איבער זעכציג טויזנט סק. פוס, איז געווען די סצענע ביים היסטארישן "או. דזשעי. בי. עי." קאנסטראקשען און מענעדזשמענט עקספאו היינט מיטוואך.**

אויפ'ן "סייט" האבן זיך געפינען הונדערטער קאמפאניס פון אלע שיכטן און קרייזן ביים היימישן האוזינג און פראפערטי מארקעט, מחוטב עציך ועד שואב מימיך, פון לאמבער ביז פלאמבער, און אלע סופלייערס וואס סערווירן זייערע פראדוקטן און סערוויסעס, ווי בוקקיפינג, יוטיליטיס, פעיראל, לאונס, מארקעטינג, און נאך און נאך.



עובר לסוחר:
פארשטייער פון די נארטאיסט קאמיוניטי באנק ביי עקספאו

די גערויש און געפילדער האט זיך נישט אפגעשטעלט פון גאנץ פרי ביז שפעט פארנאכטס, ווען פילע הונדערטער ביזנעסלייט און מענעדזשער, אינוועסטארס און בראוקערס, בעלי מלאכה און זייערע שותפים, האבן באגריסט אלטע קאסטומערס און געשלאסן האנט-רייך דיעלס מיט נייע.

"א גאנצן טאג דא, אנשטאט סווייפען וויזע און מעסטער, האט מען אויסגעטוישט ביזנעס קארטלעך," זאגט איין סוחר א גוטס.

אין די באשטימטע צייטן זענען פארגעקומען וויכטיגע סעסיעס ביי די סעמינאר צימערן, אבער פון צופרי ביז ביינאכט איז די ריזיגע צענטראלע עקספאו זאל געווען איין שטיק "יריד," ווי אין לייפציג אמאל.

איין היימישער בויער אין א שמועס מיט "דער בית" - א מידיע ספאנסאר ביים עקספאו - זאגט גוט, "מ'קומט שוין נישט צום יריד מיט א פערד און וואגן, און מ'שרייבט שוין נישט מיט א פענסיל אויפ'ן בעג, אבער די וויכטיגקייט פון אזא צוזאמקום צו טרעפן און בויען נאך ביזנעס איז היינטיגע צייטן די זעלבע ווי דריי הונדערט יאר צוריק. ס'איז נישטא קיין סובסטיטוט פאר'ן זיך טרעפן מיט קאסטומערס."

*


ערשטע סעסיע:
"די פאך פון פארהאנדלען" דורך הרב מעלבער פון "להשיג"

אריין קומענדיג אין ריזיגן עקספאו זאל האט זיך באלד דערקענט די הארעוואניע, די "יגעת ומצאת תאמין," פון לאנגע חדשים.

נאך פריער, בלאקן אוועק פונעם זאל, האט מען שוין געזען היימישע פנימ'ער זיך ווענדן צום "מעדאולענדס עקספאו צענטער" אויף פלאזא עוועניו אין סיקאוקוס, ניו דזשערסי, די צענטראלע ביזנעס דיסטריקט אין די גארטן סטעיט אריבער דעם האדסאן ריווער פונקט אנטקעגן מאנהעטן. וועלכע צייט אין טאג מען איז אנגעקומען, האט געהערשט א שטראם פון היימישע ביזנעס קרייזן אריין און ארויס.

אריין אין געביידע נאכ'ן טרעפן א גוטן פארקינג פלאץ, אומזיסט, און די ריזיגע פארקינג לאטס אויפ'ן גאנצן שטח, האט אפגעווארט א פראפעסיאנאלע אויפנאמע, א גרויסע לופטיגע לאבי, ספעציעלע דירעקציעס צו די סעמינאר זאלן, א קאוט רום פאר אלע קלאפער-געצייג, רייעס מיט בודקעס פאר פארגעשריטענע רעגיסטראציע, פראגראם לופלעטן, דעזיגנירטע זעקלעך אריינצונעמען אלע מארקעטינג מאטעריאלן, און... אריין אין זאל.

# היסטארישע OJBA עקספאו: ערשטהאנטיג

## פון לאמבער ביז פלאמבער, דעוועלאפער ביז אינוועסטער, א מעמד קידוש השם

ריזיגע סטאנציעס און מיטעלע בודקעלעך, העכסט-בארימטע "ברענד נעים" און פרישע ענערגישע ביזנעסער, עס איז דער גרויסער "יריד טאג" פון די גאנצע קאנסטראקשאן און מענעדזשמענט אינדוסטריע אין אפסטעיט און צפון ניו דזשערסי, און אויף א ברייטערן פארנעם אויך אין ניו יארק סיטי.

די גרויסע סטאנציעס געמישט מיט הונדערטער גוט מסודר'דיגע בודקעס, קליינגען ווי אין "דזשעוויץ צענטער" מיט שילדן ביז'ן דאך, ריזיגע טראקס אויפגעשטעלט ווי אויפ'ן ראוד, עכטע-סייז קאנטעינערס, קרעינס, וועניטיס, פרעימינג, ציגל, זייט ביי זייט מיט מיניטשער גארבידזש קענס, דעכער, סקיי-לייטס, קיטשענס, און נאך שעפערישע קונץ שטיק. דער גאנצער זאל ווירבלט ווי א בינען-שטאק, דא א באנק, דא אינשורענס, דא בילדינג סופלייס, דא וואסער באשיצונג, דא פייער באשיצונג, דא ארכיטעקטשור, דא מערטשנט סערוויסעס, דא שיינע פוירניטשער, דא דעמאלישאן, דא פעיראל מענעדזשמענט און דא מארבל און גרעניט.



מרחבת דעתו של אדם:
ליכטיגע ארייגאנג צו סטאנציע פון "דארוועי אינטעריארס"

"פון אלע עקזיביטס ביים עקספאו," זאגט א באטייליגטער, איז קלאר "אז היימישע ביזנעסער זענען שוין אנגעקומען צו דעקן יעדע חלק פון בויען רעזידענשאל, ריטעיל אדער קאמערשאל, צוזאמען מיט אלע צוגעהערן פון פארדעם און נאכדעם."

פארהאן קאמפאניס וואס גייען גרויס, צוצושטעלן א ברייטע אויסוואל פון פראדוקטן, ווי בילדינג סופליי האלסעילערס, און פארהאן קאמפאניס וואס גייען קליין אבער גרונטליך - א קליינע אויסוואל פון פראדוקטן, אבער א קוואל פאר א גאנצע ליניע - למשל, קאמפאניס וואס מאכן די האלבע-לבנה רינגען ארום בעיסמענט ווינדאוס, אדער וואס שטעלן צו



לכו והתפרנסו:
די שטראם האלט אן נעבן די "קוואליטי עיר" סטאנציע

# היסטארישע OJBA עקספאו: ערשטהאנטיג

## פון לאמבער ביז פלאמבער, דעוועלאפער ביז אינוועסטער, א מעמד קידוש השם

קאסטום-מעיד טוישונגען פאר קארס און ווענס, אדער וואס שטעלט צו פאסט קעסטלעך, צוגעשטעלט לויט די אפיציעלע פארשריפטן פון די פעדעראלע פאסט סיסטעם אין אמעריקע.

ביי פעיראל, סופלייס, ווינדאוס, טיילס, סיידינג, עיטש. אר., קלינינג, לאו וואלטעזש, פראפערטי מענעדזשמענט, עיטש. וועק, אא"וו, זענען דא אסאך, אבער וויפיל היימישע קאמפאניס זענען דא וואס זענען "ספעציאליזירט" אין איין ענגע ליניע אבער טוען דאס גוט, ווי "אינפרא-רעד סקענינג," אפסטעיט עקספעדייטינג, דאר בלאוער ענערדזשי טעסט, וואסער פאלס אין גארטן, איבערגלאנצן צעמענט פלארס, און נאך צענדליגער אזעלכע זאכן.

"די עקאנאמישע שטארקייט פון אזא צוזאמקונפט איז גוט פאר קאמפאניס פון אלע שטאפלען, ריזיג נאציאנאל ביז בארימט לאקאל," זאגט מו"ה אלימלך וועבער הי"ו, גרינדער פון "או. דזשעי. בי. עי." און אינציאטער פון די עקספאו.

"ביזנעס עקזעקיוטיוועז וועלן אלץ זוכן בעסערע קאמפאניס צו טאן ביזנעס מיט זיי, און פירמעס וועלן אלץ טרעפן נייע קאסטומערס," זאגט ער. "דער קונץ איז, די צוויי זייטן זאלן זיך טרעפן צוזאמען, און דאס איז אונזער ציל דא, איין מקח אויפאמאל."

*

אבער דאס איז מעגליך נאר אן אונטערשאצונג. אין די חשבונות פונעם עקספאו דארפן אויך ווערן צוגערעכנט די אלע זייטיגע ארבייט וואס גייט אריין אין אהערשטעלן אזא פראיעקט, סיי פאר די ארגאניזירער, סיי פאר די עקזיביט פירמעס, און סיי פאר די ביזנעס דעלעגאטן.

לויט ווי א גרויסע היימישע פרינטינג קאמפאני אין קרית יואל האט געזאגט א טאג פאר'ן שאו, האט יענע קאמפאני געווידמעט דעם גאנצן טאג נאר פאר'ן צוועק פון "ביזנעס קארדס," וואס קאמפאניס האבן באשטעלט, צו האבן גענוג סיי אלס באזוכער און סיי אלס עקזיביטארס. און הערשט איז עס נישט געווען גענוג. דער שרייבער פון די שורות האט געהערט פון א גרויסע צאל באטייליגטע ביזנעסער אז נאך פאר פלג המנחה זענען זיי שוין אויסגעלאפן פון ביזנעס קארטלעך.

"איך בין שוין געווען ביי אסאך שאוס, אבער וואס טוט זיך אפ דא היינט איז ממש 'אנבעליוויבעל,' " האט זיך אויסגעדרוקט א דעלעגאט פון א גרויסע פינאנציעלע פירמע.

בלויז די פרינטינג אקטיוויטעטן פון אזא צוזאמקונפט זענען אין די הויכע ציפערן, און דאס זעלבע איז מיט יעדע טריט און שריט וואס קומט פון ארגאניזירן, אויסשטעלן א ביזנעס און ארומגיין פאר נייע קאנטאקטן ביי אזא עקספאו.

ספעציפיש אין די האוזינג מארקעט, ווען ווען עס קומען צוזאמען אזויפיל בילדערס, דעוועלאפערס, פינאנציסטן, בראוקערס, ארכיטעקטן, קאנטראקטערס



פתחו שערים:
רויטע טעפיך אויסגעשפרייט פאר הערליכע טירן ביי "עפארדעבל"

דזשענעראל און סוב, וויל יעדער דארט זיין.

זאגט א העכסט-ראנגיקער דעוועלאפער אין די היימישע האוזינג מארקעט, גייענדיג מיט צוויי שטאב מיטגלידער צווישן די רייעס, "איך גיי אסאך ארום, און איך זאג פאר יעדן, באוויז דיין פנים, מען דארף זיין דא צו זיין אין ביזנעס."

*

אפיציעל, ווי געזאגט, איז די עקספאו געווען געווידמעט פאר ביזנעסער אין אפסטעיט און צפון ניו דזשערסי, ספעציפיש ראקלענד, אראנדזש און בערגען קאונטיס, וואו די האוזינג מארקעט בליעט אויף א פרעצעדענטלאזן פארנעם, איבערהויפט ביים היימישן אידענטום, אבער למעשה זענען דא געווען גאר אסאך קאמפאניס און דעלעגאטן פון גאנץ ניו יארק און ניו דזשערסי און אפילו פון אנדערע סטעיטס און גאר פון אויסלאנד.

עס איז א ברכה מן השמים ווי היימישע אידן בויען און בליען איבעראל. מען מופט קיין בלומינגבורג, מאנטיסעלאו, ראקוועל, בלומינג גראוו, דזשערסי סיטי, קענווי. מען בויט אין ברוקלין, סטעטן איילענד, קרית יואל, מאנסי, לעיקוואוד, באלטימאר, קליוולאנד, מען וואקסט אין צפת, בוענאס איירעס, לאנדאן, בערלין. ורוח הקודש אומרת, כן ירבה וכן יפרוץ.

די בויערייי ברענגט א ברכה אין פרנסה פאר היימישע אידן, אלס וחי אחיך עמך. מען פארקויפט און פארדינגט, מ'ברענגט אריין פון נעיווי יארד, ראטערפארד, קינגסטאן, סיראקיוז, וויעטנאם און טשיינע. עס טוט זיך א ברידערליכע עקאנאמיע ב"ה אז מ'קען נישט גענוג שרייבן, און די "קאנסטראקשאן און מענעדזשמענט ביזנעס טו ביזנעס עקספאו" האט



לאמיר רעדן ביזנעס:
אקטיוועו ברייטע סטאנציע פון "פייוו סטאר אינטעריארס"

# היסטארישע OJBA עקספאו: ערשטהאנטיג

## פון לאמבער ביז פלאמבער, דעוועלאפער ביז אינוועסטער, א מעמד קידוש השם




**אט אזוי:**
"וואטערפרוף" טייל עקספערטן פון "שלאטער" ערקלערן די אינסטאלאציע מעגליכקייטן




**ברוכים הבאים:**
צענטראלע סטאנציע פון "מעסטער רופינג ענד סיידינג" נעמט אויף די פילע געסט

עס געברענגט אויפ'ן אויבערפלאך כאטש איין שיינעם מיטוואך, מיט אזעלכע הערליכע רעזולטאטן.

אבער עס איז נאך א קליינע אויבערפלאך, און די געלעגנהייטן זענען פילפאכיג מער.

ווי געמאלדן ביים עקספאו דורך "או. דזשעי. בי. עי." - קומט א גראנדיעזע "עקספאו" אין הארץ פון די חרדישע ביזנעס וועלט אין ברוקלין, קומענדיגן פרילינג, באלד נאך פסח.

"אונזער וויזיע פון אויפארבייטן די היימישע קאנסטראקשען, דעוועלאפמענט, און פראמערטי מענעדזשמענט אינדוסטריעס, ווערט געבויט פון יאר צו יאר מער און מער," זאגט ר' אלימלך, דער איניציאטער פון דעם גרויסן אונטערנעמונג. "מיר האבן אנגעהויבן לאקאל מיט הערליכע אפסטעיט עקספאוס, יעצט איבער גאנץ האדסאן וועלי, און אי"ה בקרוב אין ניו יארק סיטי."

ווי סיי וועלכע ערפאלגרייכע ביזנעס, דארף מען האבן געדולד, טאן צו דער זאך, און דעליווערן א קוואליטי פראדוקט מיט גוטע "פידבעק" און קענען "צוריקמאכן דאס געלט, אסאך מער," זאגט ער.

"דער היינטיגער עקספאו איז געווען א געוואלדיגער קידוש השם," זאגט ר' אלימלך, שליסנדיג דעם שמועס נאך אזא גרויסן טאג, גרייט צו שפאנען פאראויס צום קומענדיגן שאו, אבער געשיקט, ווייל היום קצר והמלאכה מרובה. ■

**(פאלגט נאך קומענדיגע וואך אי"ה מער אויספירליכע באריכטן אויף די וויכטיגע סעמינארן במשך דעם טאג אויף די הויפט טעמעס אין האוזינג און קאנסטראקשאן און ערשט-האנטיגע באריכטן פון די ביזנעסער און באזוכער ביים עקספאו.)**




**וחי אחיך עמך:**
שטראם פון סוחרים אין האנדל-וואנדל פון 10 אזייגער אינדערפרי ביז 7 אזייגער ביינאכט, אויסרופנדיג א קידוש שם שמים און א געפיל פון אחדות ביי אלע באטייליגטע פונעם העכסט געלונגענעם ביזנעס עקספאו

**כאן יבנה:**
אין אלע זייטן פונעם גרויסן זאל, אנגעפילט ביז 60 טויזנט סק. פוס, רעדט מען קאנסטראקשען ביזנעס, האוזינג, ריעל עסטעיט, פינאנץ, מעינטענענס, מיט אלע צוגעהערן

בס"ד

# הכרת הטוב – צלח ורכב

ברוך שיר ושבח לק-ל בורא עולם פאר אזא אומבאשרייבליכע הצלחה

## ביי די OJBA עקספאו

שפיר איך א פליכט אויסצודרוקן מיינע טיפסטע געפילן פון

# הכרת הטוב

פאר אלע וואס האבן אנטייל גענומען אלס די

**ספאנסארס – עקזיביטארס – רעדנערס – וויזיטארס**

א ספעציעלער דאנק פאר

**ר׳ אלי׳ גינסבערג נ"י**

וואס אדאנק זיין שווערע ארבייט איז די עקספאו געווען אזא הערליכע ערפאלג

# ברכת צלח רכב!

אין זכות פון דעם געוואלדיגן קידוש שם שמים ביי די הערליכע פרנסה צוזאמקונפט,

וועט דער הייליגער באשעפער משפיע זיין פרנסה ברווח מיט כל טוב וטוב,

והוא ישלח ברכה והצלחה בכל מעשי ידיכם כל הימים אמן

דאנקט און וואונטשט

**אלימלך וועבער**

OJBA
NEW YORK
ORTHODOX JEWISH
BUILDERS ASSOCIATION

# היסטארישע OJBA עקספאו: ערשטהאנטיג

## פון לאמבער ביז פלאמבער, דעוועלאפער ביז אינוועסטער, א מעמד קידוש השם

# *Directory of Exhibitors*

**A**

A & W Metal Works
AB Floors
Abco Glazing
Active Fire Protection
Adlers Insurance
Advance Coating
Advance Gutter
Affordable Doors & Windows – SILVER SPONSOR
Air Power Skylights
Air Tight Insulation
All Stiles
Ambex
Arcwood Floors

**B**

BH Concrete
Blaze Fire Protection
Blitz Auto
Braun Plumbing

**C**

Capital Roofing
Cleaning Depot
Clear Cut Glass
Clear View Glass
Clearpoint Services
Colonial Property Management
Colorific
Compensation Guidance
Complete Equipment Rentals
ConcRaised
Connect Direct
Countywide Carting

**D**

Der Bayis – MEDIA SPONSOR
Direct Building Supplies
Direct Line Carpet
Domestic Garage Doors
Doorway Interiors – SILVER SPONSOR
Drip Drop Water Proofing

**E**

East Coast Framers
Eastern Pluming
Elite Vacuum
Empire Fire Solutions
Engrave World
Enrgy Co.
Evergreen Landscaping Evergreen Landscaping
Ez Energy
Ez Glass

**F**

Fasco
Fiberon Decking
Finger Check
Floor Galaxy
FSI - SPONSOR
Furniture Elevator

**G**

Gabis Decks
Global Fire
Grand Plumbing
Greater Windows

**H**

Hello Writing
Hershys Fencing
High Styles Stone & Tile
Hillside Tint and Frost
Home Insulation Pro

**I**

Imperial Wood Floors
Inhouse Laundromat

**J**

J&G Enterprises
John To Go

**K**

K&J Metals
Kingstone Block
Kitchen Pro
KJ Tiles

**L**

Laundry Jet
Laundry Store
Legacy Fine Furniture
Lifting Solutions Corp
Lighting n Beyond
Liveon Lucida

**M**

M Box Supply
Master Roofing & Siding - SPONSOR
Meadowlands chamber of commerce
MegaPay USA
Midpost cleaning
MM Tires
Moshies Landscaping
Mr Can Cleaning
Mr Clean
MS Appliances

**N**

Nail It Handyman
Northeast Community Bank – SILVER SPONSOR

**O**

Ocean Fireproofing
OCS Industries
On Time Sewer
On-time Disposal
Optimum Air Solution

**P**

Park Lumber
Paving Solution
PC Wood Floors
Perfect Restoration
PH Generator
Playground Surface
Pooldocs
Power Tech
Pr Production
Premier Custom Furniture
Pro Decks
Pyramid Plumbing

**Q**

Quality Air - SPONSOR

**R**

Rapid Reglazing
Rapid Rubbish Removal
Rock Brokerage
Rockland Hardware

**S**

Sababa Media – MEDIA SPONSOR
Salko Kitchens
Salomone Redi Mix
SBA Loan Group
Schluter Systems – SILVER SPONSOR
Schmutzless Cleaning
Selective Decks
Sheetrock Medic
Skyview Skylights
Spotless Restoration & Cleaning
Steel Fab
Suburban Supplies
Super Seal Insulation
Superior Interiors
SW Appliances
Swiss Madison

**T**

Takeoff Solution
Teacher's Edition
The Contractors Office
The Jewish Link – MEDIA SPONSOR
The Laundry Service
The Yard Stuff
Tiger Supplies
Trademark Soundproofing
Triple A Stairs
Tzeva Paint

**U**

Ultimate Plumbing
Uprise Improvements
Upstate Framing
Upstate Roofing & Siding

**V**

Vibrant Signs

**W**

Walk This House
Well-done Insulation

**Y**

Y&T Embroidery
Yoilys Rubbish

**Z**

Zebra Cleaning